**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/7/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט טאל צוריקצאלונגען קומענדיג צו בראנקס איינוואוינער וואס נוצן די הענרי האדסאן בריק און קווינס איינוואוינער וואס נוצן די קראָס בעי בריק

***צוריקצאלונג פראגראם וועט זיין פאר רעגיסטרירטע E-ZPass ניו יארקע קאסטומער סערוויס צענטער אקאונט האלטער וועלכע זענען איינוואוינער פון די בראנקס אדער קווינס — יעדער פאר זייער בריק***

***צוריקצאלונגען פינאנצירט דורך 'דרויסנדיגע בארא טראנספארטאציע אקאונט' געעפנט אין 2018***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז א טאל צוריקצאלונג פראגראם קומט פאר בראנקס און קווינס איינוואוינער וועלכע נוצן די הענרי האדסאן בריק (בראנקס) אדער קראָס בעי בריק (קווינס). די צוריקצאלונגען זענען ערמעגליכט געווארן דורך די 'דרויסנדיגע בארא טראנספארטאציע אקאונט' (Outer Borough Transportation Account), וואס איז איפגעשטעלט געווארן אין 2018 צו צושטעלן נאך מיטלען פאר דרויסנדיגע בארא טראנספארטאציע פארבעסערונגען.

"מיר מאכן דאס רייזן גרינגער און מער אפאָרדעבל פאר ארבעטנדע פאמיליעס אין די בראנקס און קווינס וועלכע זענען אנגעוויזן אויף די הענרי האדסאן בריק און קראָס בעי בריק", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "צי עס איז דורך דעם צוריקצאלונג פראגראם אדער דורך די היסטארישע פארמערונגען אין MTA סערוויס וואס מיר האבן איינגעפירט — בין איך פארפליכטעט צו מאכן רייזעס מער צוגענגליך פאר אלע ניו יארקער."

אונטער דעם פראגראם, וועט די MTA צוריקצאלן בראנקס איינוואוינער פאר רייזעס וואס זיי מאכן אריבער די הענרי האדסאן בריק און קווינס איינוואוינער — פאר רייזעס וואס זיי מאכן אריבער די קראָס בעי בריק. דרייווערס וועלן זיין בארעכטיגט פאר דעם פראגראם אויב זיי רעגיסטרירן זיך פאר דעם איינוואוינער צוריקצאלונג פראגראם מיט א גילטיגע ניו יארקער קאסטומער סערוויס צענטער (New York Customer Service Center, NYCSC) E-ZPass אקאונט וואס איז רעגיסטרירט צו א בראנקס איינוואוינער פאר הענרי האדסאן בריק צוריקצאלונגען אדער צו א קווינס איינוואוינער פאר קראָס בעי בריק צוריקצאלונגען. NYCSC E-ZPass באניצער וועמען'ס אקאונטס ערפילן שוין יעצט די באדינגונגען פאר די צוריקצאלונג וועלן אויטאמאטיש איינגעשריבן ווערן דורך MTA בריקן און טונעלן (Bridges and Tunnels), און זיי וועלן איינגעמאלדן ווערן דעריבער, און די וועלכע קענען מעגליך זיין בארעכטיגט אדער דארפן אונטערנעמען שריט דערפאר וועלן באקומען אנווייזונגען וויאזוי זיך צו רעגיסטרירן ווי עס דארף צו זיין. דער פראגאם איז ערווארטעט זיך צו אנהויבן אין פעברואר פון 2024. באניצער וועלכע זוכן מער אינפארמאציע קענען באזוכן [MTA בריקן און טונעלן איינוואוינער פראגראמען](#).

**MTA פארזיצער און CEO, דזשענאָו ליעבער, האט געזאגט,** "די לעגיסלאטור האט אוועקגעשטעלט די קאסע אויף א וועג וואס ערלויבט די ראיאנישע טאל סיסטעם צו פארזעצן זיך צו אנטוויקלען צו ווערן אזא קאסע וואס איז קאנצענטרירט אויף דאס זיך אפגעבן מיט אנגעלייגטע טראפיק."

**MTA בריקן און טונעלן פרעזידענט, קעטערין שערידען, האט געזאגט,** "דער פראגראם שטרייכט אונטער די לעגיסלאטור'ס איבערגעגעבנקייט צו פארזעצן צו מאקסימיזירן די ראיאנישע מעגליכקייטן פאר באוועגונג. מיר זענען דערפרייד מיט דעם נייעם פראגראם פאר בראנקס און קווינס איינוואוינער וועלכע קענען יעצט געניסן פון לאקאלע רייזעס מיט א פולע צוריקצאלונג."

**סטעיט סענאטאר דזשאָוסעף פּ. עדעבאָו דזשוּניאר האט געזאגט,** "מיר גייען אט אט זעהן די צוריקצאלונג פון אן אומיושר'דיגע טאל וואס איז איינגעמאנט געווארן ביי די קראָס בעי וועטעראנס מעמאריעל בריק פון קווינס איינוואוינער. די ארומדרייאונג איז א ריזיגע געווינס און אן אונטערנעמונג וואס ערוויילטע בעאמטע און איינוואוינער האבן געשטערבט צו עררייכן פאר צענדליגע יארן. די עררייכונג וועט צוריקצאלן איינוואוינער פאר די איינציגסטע טאל אינערהאלב א באראו אין די סיטי, עס וועט ארויסהעלפן מיט עקאנאמישע וואוקס און הנאה פון די ראקעוועי האלב-אינזל, און עס וואלט נישט געקענט עררייכט ווערן אן די געמיינזאמע באמיאונגען פון די קאמיוניטי, גאווערנער האקול, די MTA און ערוויילטע בעאמטע אויף די סטעיט שטאפל."

**סטעיט סענאטאר דזשעימס סענדערס האט געזאגט,** "איך בין פרייליך אז מיר נעמען אונטער שריט צו גיבן אביסל ערלייכטערונג פאר קווינס איינוואוינער וואס פארלאזן זיך אויף די קראָס בעי בריק. די צוריקצאלונג וועט העלפן מאכן טעגליכע רייזעס מער אפאָרדעבעל, און עס וועט צוריקלייגן געלט אין די קעשענעס פון ארבעטנדע פאמיליעס."

**סטעיט סענאטאר גוסטאוואָ ריווערא האט געזאגט,** "די וויכטיגע צוריקצאלונג איז א פריידיגע פיטשעוועקע פאר בארעכטיגטע איינוואוינער אין מיין דיסטריקט וועלכע נוצן די הענרי האדסאן בריק. איך וויל באדאנקען דילעגיסלאטור פארן פארזיכערן פינאנצירונג פאר דעם וויכטיגן פראגראם אזוי ווי איך וועל שטענדיג זיין באגייסטערט ווען בראנקס איינוואוינער קענען בענעפיטירן פון מער אפאָרדעבעל טראנספארטאציע."

**אסעמבלי מיטגליד דזשעפרי דינאוויץ האט געזאגט,** "דאס פארזיכערן א צוריקצאלונג פאר די הענרי האדסאן בריק טאל איז געווען א הויפט פריאריטעט פאר מיר. כאטש די קאוויד-19 פאנדעמיע האט פארשפעטיגט די איינפירונג דערפון, איז יעצט געקומען די צייט אז עס זאל אריבערגיין. אויב איר זענט א בראנקס איינוואוינער מיט א קאר וואס איז רעגיסטרירט אין די בראנקס און איר האט א פינאנצירטע E-ZPass, וועט אייער טאל פאר די הענרי האדסאן בריק צוריקגעצאלט ווערן אויפן פלאץ. איך האב שווער געקעמפט דערפאר אזוי ווי עס איז געווען אן איבעריגע לאסט אויף בראנקס איינוואוינער צו באצאלן א טאל פאר די קורצע בריק. איך באדאנק גאווערנער קעטי האקול און די MTA פארן שטיצן די גוטע געדאנק."

**אסעמבלי מיטגלידערין סטעיסי פעפער אמאַטאָו האט געזאגט,** "הבטחות פארשפראכן, הבטחות ערפילט — דער קווינס איינוואוינער טאל צוריקצאלונג פראגראם פאר די קראָס בעי וועטעראנס מעמאריעל בריק געשעהט! נאך יארן פון שווער ארבעט און עקשנות, מיט די ביל וואס איך האב אריבערגעפירט מיט סענאטאר עדעבאָו, וועלן אלע קווינס איינוואוינער וואס נוצן דעם ניו יארקער E-ZPass פראגראם און רעגיסטרירן זיך פאר דעם פראגראם באקומען די פולע צוטריט צו זייער גאנצע באראו, באזונדערס די ראקעוועי האלב-אינזל. איך באדאנק די MTA און די גאווערנער פארן איינפירן די סיסטעם אזוי ווי מיר נעמען אוועק א שטרויכלונג צו פארזיכערן עקאנאמישע געלעגנהייטן פאר יעדן אין קווינס."

**אסעמבלי מיטגליד קאליל ענדערסאן האט געזאגט,** "דער קווינס איינוואוינער טאל צוריקצאלונג פראגראם העלפט ברענגען גערעכטיגקייט פאר די בירגער אין מיין דיסטריקט וועלכע האבן טייל פון די לענגסטע רייזעס מיט א קאר אדער טראנספארטאציע אין די פינף באראוס. איך וויל באדאנקען מיינע קאלעגן, אסעמבליפרוי סטעיסי פעפער אמאַטאָו און סענאטאר דזשאָו עדעבאָו, און אזוי אויך די גאווערנאר און MTA פארן דאס העלפן מאכן פאר א רעאליטעט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן